Publié par
l'Association pour
l'Étude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 4, נומער 3 (18)

אָדר תּשנ״ט/פֿעברואַר 1999

# דער נײַער ייִדישער מוזיי אין פּאַריז

**אין דעצעמבער 1998, נאָך לאַנגע צוגרייטונגען, האָט זיך געעפֿנט דער מוזיי פֿון ייִדישער קונסט און געשיכטע[1]. ער געפֿינט זיך אינעם קוואַרטאַל מאַרע, נאָענט צום ייִדישן „פּלעצל“, אין אַ פּרעכטיקער רעזידענץ „האָטעל סענט־עניאַן“.**

דער הויפּטגעדאַנק פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן איז געווען צו ווײַזן די יסודות[2] פֿון ייִדישן לעבן און קולטור, וועלכע באַשטימען די ייִדישע אידענטיטעט, ווי אויך די פֿאַרשיידנקייט פֿון די ייִדישע קולטורן אַרום דער וועלט. די אויסשטעלונג הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפֿיר־זאַל, וואָס שטעלט פֿאָר אָביעקטן און טעקסטן וואָס האָבן אַ סימבאָלישע ווערט אין דער ייִדישער קולטור : אַ ספֿר־תּורה[3], אַ פֿראַגמענט פֿון „שיר־השירים[4]“, אַ ציטאַט פֿון הלל[5] צי ביאַליקס ליד „אין שחיטה־שטאָט[6]“. אַזוי אַרום ווײַזט שוין דער ערשטער זאַל – ווי אויך דער גאַנצער מוזיי – וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע ראָלע עס שפּילט אין ייִדישן לעבן דאָס געשריבענע וואָרט. דער צווייטער זאַל שטעלט פֿאָר דאָס ייִדישע לעבן אין פֿראַנקרײַך אין מיטל־עלטער ; אַ שטאַרקן רושם[7] מאַכט דאָרט די זאַמלונג פֿון מצבֿות[8] פֿון פּאַריזער ייִדישע בית־עולמס[9]. די אויסשטעלונג אַנטוויקלט זיך כראָנאָלאָגיש – די ווײַטערדיקע זאַלן ווײַזן די פֿאַרשיידענע גײַסטיקע צענטערס פֿונעם ייִדישן לעבן – ווי איטאַליע אין די צײַטן פֿון רענעסאַנס, די שטאָט אַמסטערדאַם אין 17טן י״ה, ווּ סע טרעפֿן זיך די אַשכּנזישע און די ספֿרדישע וועלט, פֿראַנקרײַך אין דער צײַט פֿון דער עמאַנציפּאַציע פֿון ייִדן, מיזרח־אייראָפּע אין אָנהייב פֿון 20סטן י״ה... מע ווײַזט אויך דעם ייִדישן שטייגער לעבן, די יום־טובֿים, די אַשכּנזישע און ספֿרדישע מינהגים[10] – מיר קענען למשל באַוווּנדערן אַ קאָלעקציע חנוכּה־לעמפּלעך פֿון פֿאַרשיידענע ערטער און עפּאָכעס, אַ גאַנצע ריי זילבערנע חתונה־רינגלעך, אַן עסטרײַכישע הילצערנע באַמאָלטע סוכּה[11] פֿון 19טן י״ה, אַלטע כּתבֿ־ידן[12] און גאָר אַלטע העברעיִשע געדרוקטע ביכער... אַלע עקספּאָנאַטן[13], וואָס מע ווײַזט אין מוזיי זענען אָריגינאַלן. זיי שטאַמען דער עיקר פֿונעם אַלטן ייִדישן מוזיי פֿון רי דע סאָל[14] און פֿון פּאַריזער קליני־מוזיי. ס'זענען דאָ אויך מתּנות פֿון פּריוואַטע מענטשן, אָביעקטן וואָס דער מוזיי האָט אײַנגעקויפֿט צי אויסגעבאָרגט פֿון אַנדערע מוזייען און אויך קונסטווערק וואָס די נאַציס האָבן גערויבט אין גאַנץ אייראָפּע בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אינעם זאַל געווידמעט די אינטעלעקטועלע שטראָמען בײַם סוף 19טן און אָנהייב 20סטן י״ה געפֿינט זיך אויך אַ וויטרינע מיט ביכער אויף ייִדיש. די דירעקטאָרין פֿונעם מוזיי, לאָראַנס סיגאַל, האָפֿט אַז מיט דער צײַט וועט מען קענען אָפּגעבן אַ גרעסער אָרט דער ייִדישער קולטור. זייער אינטערעסאַנטע צייכענונגען, בילדער און סקולפּטורן פֿון באַרימטע קינסטלער קען מען באַקוקן אין דעם טייל וואָס טראָגט דעם טיטל : „דער ייִדישער אָנטייל אין דער קונסט פֿון 20סטן י״ה“. די מאָדערנע צײַטן ווערן פֿאָרגעשטעלט דורך אַ ריי פֿאָטאָגראַפֿיעס וואָס ווײַזן דאָס ייִדישע לעבן אין פֿאַרשיידענע עקן פֿון דער וועלט.



איידער מע קומט צו צו די מאָדערנע צײַטן, גייט מען דורך דורך דעם טייל, וואָס איז געווידמעט דעם חורבן[15]. דער דאָזיקער טייל באַשטייט פֿון אַ שמאָלן הינטערהויף מיט אַן אינסטאַלאַציע פֿון קריסטיאַן באָלטאַנסקי : אויף דער גרויער וואַנט פֿונעם הינטערהויף הענגען טעוולעך[16] מיט די נעמען פֿון די אַמאָליקע אײַנוווינערס פֿונעם האָטעל סענט־עניאַן – וואָס אַ סך פֿון זיי זענען געווען ייִדן – צוזאַמען מיט זייערע לעבנס־דאַטעס ; אַנטקעגן דעם איז דאָ אַ קליינער זאַל, וואָס שטעלט פֿאָר דאָס לעבן אין פּאַריז בשעת דער מלחמה. כאָטש באָלטאַנסקיס אינסטאַלאַציע מאַכט זייער אַ גרויסן רושם דורך איר אַסקעטישן כאַראַקטער, האָבן זיך פֿון עטלעכע זײַטן געהערט קריטיקן, אַז דער פּאַריזער מוזיי „היפּערט איבער[17]“ די אָנגעווייטיקטע טעמע פֿון חורבן. לאָראַנס סיגאַל דערקלערט אַז, ערשטנס, וועט מען באַלד האָבן אין פּאַריז אַן אמתדיקן חורבן־מוזיי (אינעם בנין פֿונעם „מעמאָריאַל נאָך די קדושים[18]“). צווייטנס, מיינט זי אַז ס'איז אויסערגעוויינטלעך שווער פֿאָרצושטעלן דעם חורבן, דער עיקר אין אַ קונסטמוזיי, ווּ מע שפּאַצירט צווישן שיינע בילדער ; ס'וואָלט זיך פּשוט נישט געפּאַסט אַרײַנצוטאָן אין אַזאַ אַטמאָספֿער אַ בילדערישע רעפּרעזענטאַציע פֿונעם חורבן. זי וואָלט געוואָלט סימבאָליזירן דעם חורבן ווי אַ תּהום[19], אַ ליידיק רוים – נאָר טעכניש איז דאָס נישט געווען מעגלעך. באָלטאַנסקיס ווערק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַזאַ מין איבעררײַס און דערצו פֿאַרבינדט עס דעם בנין[20] (פֿון וואַנען מע האָט טאַקע דעפּאָרטירט מענטשן) מיט דעם אינהאַלט פֿונעם מוזיי, דאָס הייסט די פּערזענלעכע געשיכטע מיט דער אַלגעמיינער.

דער מוזיי וויל זײַן אַ לעבעדיק אָרט – אַ חוץ דער כּסדרדיקער אויסשטעלונג וועלן אויך זײַן צײַטווײַליקע אויסשטעלונגען, סימפּאָזיומס, פֿילמען און קאָנצערטן. ס'איז דאָ שוין אַ גרויסע ביבליאָטעק (מיט עטלעכע ביכער אויף ייִדיש), אַווידעאָטעק, אַ ביכערקראָם און אַ קאַפֿע. באַלד וועט מען אויך אָנהייבן וואַרשטאַטן און אַנדערע אַקטיוויטעטן פֿאַר קינדער און יוגנט.

1. Musée d'art et d'histoire du Judaïsme, Hôtel Saint-Aignan, 71 rue du Temple, 75003 Paris, tél. 01 53 01 86 53 ; 2. YESOYDES fondements / foundations ; 3. SEYFER-TOYRE rouleau de la Thora / Torah scroll ; 4. SHIR-HASHIRIM Cantique des Cantiques / Song of Songs ; 5. Hillel ; 6. ... SHKHITE ... «Dans la ville du massacre» / «In the City of Slaughter» ; 7. ROYSHEM impression ; 8. MATSEYVES pierres tombales / tombstones ; 9. BEYS-OYLEMS cimetières / cemeteries ; 10. MINHOGIM coutumes / customs ; 11. SUKE souccah (tabernacle) / booth for Sukkoth ; 12. KSAV-YADN manuscrits / manuscripts ; 13. objets exposés / exhibited objects ; 14. Rue des Saules ; 15. KHURBN Shoah ; 16. plaques ; 17. omet / omits ; 18. KEDOYSHIM martyrs ; 19. THOM abîme / abyss ; 20. BINYEN immeuble / building.

# די געבורט פֿונעם אײראָ

דעם 1טן יאַנואַר 1999 איז ער צום סוף געבוירן געוואָרן. די קימפּעט[1] איז געווען זייער שווער. מע האָט זיך געקריגט, מע האָט זיך געזידלט, מע האָט געפֿירט איין מלחמה נאָך אַן אַנדערער, בלוט האָט זיך געגאָסן און דורות זענען אַריבערגעגאַנגען.

איצט אינעם קאַיאָר[2] פֿונעם דריטן יאָרטויזנט זענען די טראָגעדיקע[3] טאַטע־מאַמעס עלטער און קליגער געוואָרן. זיי זענען געקומען צו אַ הסכּם[4] וואָס שייך[5] דעם נאָמען פֿון זייער קינד. עס וועט הייסן „אײראָ“ נאָך זײַן היים, אײראָפּע. אויף ייִדיש קלינגט דאָס וואָרט אַ ביסל ווי אויף פֿראַנצייזיש *העלד* [6]. אָבער אויף פֿראַנצייזיש קלינגט עס זייער מיאוס[7] און מאָדנע. ל׳אײראָ דערמאָנט *לע ראָ*[8], וואָס באַטײַט, מחילה[9], דאָס גרעפּסל[10]. דאָס וואָרט פּאַסט אָבער גאַנץ גוט פֿאַר אַזאַ איבערגעקאָרמעט עופֿעלע[11].

די פֿראַנצויזן האָבן געוואָלט ער זאָל הייסן *עקו* און אַזוי האָט מען אים טאַקע צו ערשט אָנגערופֿן. אָבער די דײַטשן האָבן זיך געכאַפּט אַז *עקו* קלינגט אויף זייער שפּראַך צו נאָענט צו אַ *קו*, וואָס מיינט אַ בהמה .

אויך אויף פֿראַנצייזיש וואָלט ל׳*עקו* נישט געקלונגען זייער שיין. ווײַל דער *עקו*, וואָס איז פֿאַרצײַטנס געווען אַ פֿראַנצייזישע



מטבע[13], האָט אויך אָפּט אַרויסגערופֿן גראָבע ווערטערשפּילן אין שײַכות[14] מיט, זײַט מוחל[15], דעם תּחת[16].

לאָמיר פּרווון זײַן מער פּאָעטיש. מיט דעם אײראָ קען מען חלומען פֿון *עראָס*, דעם גריכישן גאָט פֿון ליבע. אָבער דאָס באַפֿליגלטע ייִנגעלע האָט אַ מיאוסע געוווינהייט צו שיסן זײַנע פֿײַלן[17] אין מענטשנס הערצער אַרײַן און פֿון די ווונדן גיסט זיך בלוט. דער אײראָ וועט אויך זײַן אַ בלוטצאַפּער[18]. ערשטנס וועט דער אַריבערגאַנג קאָסטן אַ מאַיאָנטיק[19] מיט געלט. און צווייטנס, ווען ער וועט פֿאַרבײַטן די פֿראַנקן און מאַרקן און פּעסעטאַס, וועלן אַלע מענטשן האָבן דאָס געפֿיל אַז זיי האָבן ווייניקער געלט. אַגבֿ[20], אַז מע דערמאָנט שוין פֿראַנק, וואָלט פֿראַנק געווען אַ שיינער נאָמען, אַ ברייטער, אַן אָפֿן־האַרציקער. נו מילא[21], אַבי דער אײראָ איז ווערט געלט, און געלט איז דאָך גאָלד, דאָס הייסט, אײראָ איז *אָרא*. מיט דער נײַער וואַלוטע וועט זײַן גרינגער אַרומצופֿאָרן אין גאַנץ אײראָפּע. וועלן מיר זײַן (אויף פֿראַנצייזיש) ערע[22], גליקלעך !

און ווער ווייס, אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן מיר אפֿשר האָבן די *ערע* [23] (אויף דײַטש) צו באַגריסן זײַן קליין ברודערל, וואָס מע וועט אַ נאָמען געבן „מאָנדאָ“, און וואָס וועט קענען גליקלעך מאַכן די גאַנצע וועלט.

1. accouchement/childbirth ; 2.aube/dawn ; 3. «enceints»/pregnant ; 4. HESKEM accord/agreement ; 5.SHAYEKh concernant/concerning ; 6. héros (hero) ; 7. MIES laid/ugly ; 8. le rot (belch) ; 9. MEKhILE sauf votre respect/begging your pardon ; 10. le rot (belch) ; 11. ...OYFELE enfant trop bien nourri/overfed child ; 12. Kuh (vache/cow) ; 13. MATBEYE pièce de monnaie/coin ; 14. ... SHAYKhES ... à propos de/related to ; 15. ... MOYKhL voir/see n°9 ; 16. TOKhES ; 17. flèches/arrows ; 18. suceur de sang/bloodsucker ; 19. אַ באַרג ; 20. à propos/by the way ; 21. MEYLE tant pis/never mind ; 22. heureux (happy) ; 23. Ehre (honneur/honor).

**עקאָנאָמיע פֿאַר אָנהייבערס**

# אַלץ וואָס איר האָט געוואָלט וויסן וועגן דעם **אײראָ** און נישט געוואַגט[1] פֿרעגן



דער **אײראָ** איז געוואָרן די נײַע וואַלוטע[2] פֿון דעם אײראָפּעיִשן פֿאַרבאַנד[3].



פֿיזיש עקזיסטירט ער נאָך ניט אָבער ער איז סײַ ווי[4] די אָפֿיציעלע וואַלוטע. זאָל מען דאָס נעמען ווי אַ סימבאָל פֿאַרן אײראָפּעיִשן פֿאַרבאַנד ?

דער פֿאַרבאַנד איז אַ מאָל געווען אַ שוואַכע גרופּע פֿון זעקס מיטגלידער[5] וואָס זענען קיין מאָל ניט געווען מסכּים[6] צווישן זיך. הײַנט האָט ער פֿופֿצן מיטגלידער וואָס זענען נאָך אַלץ ניט מסכּים צווישן זיך. פֿון די פֿופֿצן מיטגלידער וועלן עלף אַריבערגיין אויף דעם **אײראָ**.

די ענגלענדער האָבן געזאָגט אַז זיי וועלן בלײַבן מיט זייער פֿונט שטערלינג. מסתּמא[7] קענען זיי ניט פֿאַרטראָגן[8] צו פֿאַרלירן דעם פּאָרטרעט פֿון זייער באַליבטער מלכּה[9] אויף די באַנקנאָטן. זיי וואַרטן אפֿשר אַז פּרינץ טשאַרלס זאָל ווערן קעניג, וועט זיי שוין זײַן גרינגער אַריבערצוגיין אויפֿן **אײראָ**.

פֿאַר די פֿראַנצויזן וועט דאָס אַריבערגיין זײַן זייער פּשוט[10]. אין 1960 האָבן זיי איבערגעביטן די אַלטע פֿראַנקן אויף נײַע. הײַנט, בלויז פֿערציק יאָר שפּעטער, האָבן כּמעט[11] אַלע פֿראַנצויזן זיך אויסגעלערנט רעכענען אין נײַע פֿראַנקן. מיטן **אײראָ** וועט זײַן די זעלבע זאַך. אין פֿופֿציק־זעכציק יאָר אַרום וועלן זיי אַלץ פֿאַרשטיין.

פֿאַר די איטאַליענער וועט זײַן פּסיכאָלאָגיש אַ טראַגעדיע. זיי וועלן פֿאַרלירן אַזוי פֿיל נולן[12] פֿון זייער געלט אַז אַ מיליאָנער אויף לירעס וועט ווערן אַ קבצן[13] אויף **אײראָס**.

דער **אײראָ** איז אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ געלטסיסטעם וואָס מע האָט אַזוי שיין אָנגערופֿן די שלאַנג[14]. הלוואַי[15] זאָל די דאָזיקע שלאַנג נישט זײַן אַזאַ שלעכטע ווי די שלאַנג אין גן־עדן[16]. און הלוואַי זאָלן מיר מער געניסן[17] פֿון אירע פֿרוכטן ווי אונדזערע אָבֿות[18] האָבן געגעסן פֿון די פֿרוכטן פֿונעם בוים פֿון וויסן.

1. osé/dared ; 2. devises/currency; 3. union ; 4. de toute façon/anyway ; 5. membres/members ; 6. MASKIM d'accord/in agreement ; 7. MISTOME probablement/probably ; 8. supporter/bear ; 9. MALKE reine/queen ; 10. POSHET simple ; 11. KIMAT presque/nearly ; 12. zéros ; 13. KAPTSN pauvre/pauper ; 14. serpent (monétaire)/snake (monetary) ; 15. HALEVAY pourvu que/may God grant that ; 16. GANEYDN Jardin d'Eden/Garden of Eden ; 17. profiter/benefit *participe*: געגעסן ; 18. OVES ancêtres/ancestors.

# דאָס לעבן איז שיין

## זינט ס׳איז אַרויס ראָבערטאָ בעניניס פֿילם *דאָס לעבן איז שיין* הערט מען כּסדר פֿרישע מיינונגען אַרום דעם ווערק גופֿא און אַרום דער פֿראַגע וואָס עס רופֿט אַרויס : צי קען דער חורבן זײַן אַן ענין צום לאַכן ?

מע גייט זען דעם פֿילם מיט אַ פֿאַרשטענדלעכער נײַגעריקייט[1] צום אויפֿטו[2] פֿון אַ קינסטלער – צוטרעטן צו דער אָנגעווייטיקטער טעמע פֿון דעפּאָרטירונג און אומקום[3] אין אַ דײַטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף אַ נײַעם אופֿן[4] וואָס שליסט נישט אויס[5] הומאָר און קאָמעדיע !

פֿון קינאָ גייט מען אָבער אַרויס שטאַרק אַנטוישט[6]. בעניני איז טאַקע אַ גרויסער מײַסטער אויפֿן געביט פֿון קאָמעדיע, אַ יורש[7] פֿון טשאַפּלין און פֿון לוביטש, און מע מעג נתפּעל[8] ווערן פֿון זײַן „קומולאַטיוון הומאָר“, וואָס קלײַבט אָן און חזרט איבער די קאָמישע עלעמענטן מיט וועלכע ער וויל זיך באַניצן, ביז דער צוקוקער באַווײַזט[9], אַ סעקונדעלע פֿאַרן אויסלאָז[10] פֿון דער קאָמישער קאָנסטרוקציע, אַליין זיי צו פֿאַרבינדן. אַזוי אַרום האָט יעדערער הנאה[11] אי פֿונעם לאַך אי פֿונעם אײַנדרוק אַז ער איז אויך אַ נאָענטער שותּף[12] צו אַלע ווונדערלעכע צופֿאַלן וואָס דער העלד איז אַליין גורם[13]. נאָר די נאָענטקייט, וואָס פֿאַרשטאַרקט זיך בשעת בעניני לאַכט אויס די איטאַליענישע פֿאַר־מלחמהדיקע פֿאַשיסטישע סמעטענע[14], ווערט צעריסן ווי נאָר מע טרעט אַרײַן אינעם צווייטן טייל פֿילם, אינעם כּלומרשטן[15] קאָנצענטראַציע־לאַגער. די צעשיידונג קומט פֿאָר נישט דערפֿאַר וואָס בעניני מאַכט חוזק[16] פֿון וועלכן עס איז טראַגישן אַספּעקט פֿונעם לאַגער, נאָר דערפֿאַר וואָס מע האָט דעם אײַנדרוק אַז ער מאַכט חוזק פֿונעם צוקוקער : וואָס ווײַטער אינעם פֿילם, אַלץ שאַרפֿער ווערט דאָס געפֿיל אַז דעם רעזשיסאָרס כּוונה[17] איז, פּונקט ווי דער טאַטע טוט אין דער מעשׂה לגבי[18] זײַן זון, צו פֿאַרבלענדן[19] דעם עולם מיט שטאַרקע עמאָציאָנעלע אָנרעגונגען און אים נישט לאָזן אַרויסקוקן פֿונעם נעפּל וואָס דער אַקטיאָר פֿאַרציט אַרום זײַנע דלת אַמות[20].

איז ווערן למשל פֿאַרזען[21] אַלע כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פֿאַרן לעבן אין אַ דײַטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער, (אַחוץ הונגער, פֿראָסט און שווערער האָרעוואַניע[22]), וואָס האָבן געקענט פֿירן צום שרעקלעכן רעזולטאַט פֿון אַן אויסגעהאַלטענער מענטשן־געזעלשאַפֿט מיט חייִשער מאָראַל.

און די פּאָר אָנדײַטונגען[23] וואָס זענען יאָ דאָ אויף דער מוראדיקער מאַסן־פֿאַרטיליקונג[24] קומען פֿאָר בלויז ווי נאָך אַ פּלאַסטישער עלעמענט צוזאַמען מיט די רירנדיקע מוזיקאַלישע מאָטיוון און דער אָפּגעהיטענער באַלײַכטונג. זיי פֿאַרשטאַרקן דעם עמאָציאָנעלן הינטערגרונט אין וועלכן עס פּאַסט זיך אַרײַן די סיסטעם פֿון אינעווייניקסטע רמזים[25], וואָס בעניני שפּינט נאָך פֿון אָנהייב פֿילם אָן, און אין וועלכער ער פֿאַרשפּאַרט ביסלעכווײַז זיך און דעם עולם. אויף אַזוי ווײַט, אַז דאָס קינד – דער פֿאָרשטייער[26] פֿונעם עולם אינעם פֿילם – בלײַבט צום סוף באַהאַלטן אין אַ קליין בודקעלע און קוקט זיך צו דורך אַ לעכל מיט דער פֿאָרעם פֿון אַ קינאָ־עקראַן ווי דער העלד, זײַן טאַטע, דערווײַטערט זיך און פֿאַרשווינדט מיט דער צופֿרידענער זיכערקייט, אַז ער האָט דערגרייכט זײַן ציל – געשאָנקען זײַן זון אי דאָס לעבן אי דאָס גליק נישט צו וויסן אַז ער איז געווען אין סכּנה[27].



עס באַקומט זיך סוף־כּל־סוף אַז אין דעם פֿילם האַנדלט זיך וועגן גאָר עפּעס אַנדערש ווי די אָנגעזאָגטע טעמע, און מע פֿאַרשטייט שוין נישט מיט וואָס די אויסגעקליבענע רעם[28] פֿונעם לאַגער איז אַזוי נייטיק.

בלײַבט בסך־הכּל[29] בלויז אַ משל וועגן דער ליבשאַפֿט פֿון אַ טאַטן צו זײַן זון, און וועגן דעם כּוח פֿון פֿאַנטאַזיע וואָס העלפֿט פֿאַרטראָגן די ביטערע שווערקייט פֿון לעבן. אָבער אויב דער מוסר־השׂכּל[30] איז אַז גליק באַשטייט אין נישט וויסן וואָס אַרום זיך טוט זיך, מעג מען נישט אײַנשטימען[31].

אליסער

1. curiosité/curiosity ; 2. réalisation/accomplishment ; 3. mort/death ; 4. OYFN façon/way ; 5. אויסשליסן exclure/exclude ; 6. déçu/disappointed ; 7. YOYRESh héritier/heir ; 8. NISPOEL impressionné/impressed ; 9. parvient/manages ; 10. conclusion ; 11. HANOE plaisir/pleasure ; 12. ShUTEF associé *ici :* complice/partner *here :* accomplice ; 13. GOYREM entraîne, provoque/causes, brings about ; 14. crême *ici* : gros bonnets/cream *here :* bigshots ; 15. KLOYMERShT soi-disant/so-called, supposed to be ; 16. KhOYZEK se moque/makes fun ; 17. KAVONE intention ; 18. LEGABE par rapport à/in relation to ; 19. éblouir/dazzle ; 20. DALET AMES espace intime/private space ; 21. omis, occulté/omitted, neglected ; 22. travail pénible/hard labor ; 23. allusions ; 24. anéantissement/mass murder ; 25. REMOZIM allusions ; 26. représentant/representative ; 27. SAKONE danger ; 28. cadre/framework, setting ; 29. BESAKhAKL en somme/all in all ; 30. MUSER-HASKL morale de l’histoire/moral of the story ; 31. être d’accord/agree, go along.

**צוויי לייענערס שרײַבן**

# אַ רײַזע אין אוקרײַנע

אָנהייב יולי האָב איך געמאַכט אַ רײַזע פֿון צען טעג אין אוקרײַנע. זי איז געפֿירט געוואָרן דורך פּר׳ דובֿ נוי[1], אַן אָנגעזעענעם[2] פֿאָרשער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר אין ירושלימער[3] אוניווערסיטעט, מיט דער הילף פֿון זײַנעם אַ תּלמיד, מרדכי יושקאָווסקי.

מיר זענען געפֿאָרן פֿון קיִעוו ביז טשערנאָוויץ דורך זשיטאָמיר, באַרדיטשעוו, וויניצע. מיר האָבן באַזוכט די קבֿרים[4] פֿון ר׳ לוי יצחק[5] באַרדיטשעווער, פֿון בעל־שם־טובֿ[6] אין מעדזשיבאָזש, פֿון ר׳ נחמן[7] בראַסלעווער אין אומאַן און פֿון ר׳ נתן[8] אין בראַסלעוו.

מיר האָבן זיך באַקענט מיט לעבן געבליבענע פֿון אַ לאַגער אין פּעטשאָראַ, געפֿירט פֿון די רומענער. מיר האָבן געזען שפּורן[9] פֿון ייִדישקייט אין פֿאַרוואָרפֿענע[10] שטעטלעך ווי שאַרגאָראָד אָדער בערשאַד. מיר האָבן זיך דורכשפּאַצירט אין פּערעיאַסלאַוו, דאָס געבורטסאָרט פֿון שלום־עליכם.

דער הויכפּונקט פֿון אונדזער רײַזע איז געווען דאָס פֿאָרן אויף דער פֿײַערונג פֿון נײַנציק יאָר טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, אָנגעפֿירט פֿון יוסף בורג, דעם עלטסטן ייִדישן זשורנאַליסט אין דער וועלט. צום באַדויערן, זײַנען די רעפֿעראַטן אויך געווען אַ ביסל פֿאַרעלטערט, מיטן זעלבן קלאַנג ווי אין 1908.

אוקרײַנע איז אַן אָרעם לאַנד און די רײַזע־באַדינגונגען זײַנען געווען שווערע. אָבער דאָס לאַנד איז זייער שיין, מיט אַ סך וועלדער און טײַכן און אומצאָליקע סימנים[11] פֿון דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט און עס איז נייטיק פֿאַר אַלע, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ייִדישקייט זיי צו זען.




די דערקלערונגען פֿון אונדזערע צוויי פֿירערס האָבן שטאַרק באַרײַכערט די רײַזע און ס׳וואָלט זיכער געווען כּדאַי זיי אײַנצולאַדן אויף אַ רעפֿעראַט אין פּאַריז.

שלמה

1. Professeur Dov Noy; 2. éminent/eminent ; 3. YERUShALAYMER ; 4. KVORIM, *sing.* KEYVER les tombes/tombs ; 5. REB LEVI ITSKhOK Rabbi Lévi Isaac de/of Berditshev (1740-1810), un des premiers chefs spirituels du Hassidisme/ early and influential leader of Hasidism ; 6. BAAL-SHEM-TOV Rabbi Israel ben Eliezer, fondateur du Hassidisme moderne/founder of modern Hasidism; 7. REB NAKhMEN... Rabbi Nahman de/of Bratslav (1772-1811), fondateur du mouvement hassidique de Bratslav/founder of Bratslav Hasidism ; 8. REB NOSN Nathan Sternharz (1780-1845) disciple et scribe de Rabbi Nahman/ disciple and scribe of Rabbi Nahman ; 9. des traces/traces ; 10. lointain/remote ; 11. SIMONIM, *sing.* SIMEN signes/signs

# אַ רײַזע אין דער צײַט

4

איין מאָל אַ חודש איז דאָ אַ פּראָגראַם אויף דער פֿראַנצייזישער טעלעוויזיע[1] וואָס גיט זיך אָפּ[2] מיט פֿאַרשיידענע רעפּאָרטאַזשן. לעצטן אָקטאָבער איז די טעמע געווען : די ייִדישע אַרבעטער אין דרום[3]־פֿראַנקרײַך בעת דער מלחמה. דער רעפּאָרטאַזש איז געדרייט געוואָרן אין אַ קליינער שטאָט, מיִאָ[4] (דעפּאַרטעמענט טאַרן), וואָס איז באַרימט מיט איר לעדער־אינדוסטריע און הענטשקעס־פֿאַבריקן. דער זון פֿון דעם אַמאָליקן פֿאַבריק־בעל־הבית[5] האָט געוויזן אַלטע רעגיסטערס מיט די נעמען פֿון די ייִדישע אַרבעטער און געזאָגט אַז זיי זענען געווען ערלעכע, פֿעיִקע מענטשן.

איין טאָג אין אָקטאָבער האָב איך געזען אין אַ טעלעוויזיע־מאַגאַזין דעם נאָמען שמעון[6] ווײַנבוים. דער אַרטיקל האָט אָנגעזאָגט אַ רעפּאָרטאַזש וועגן מיִאָ, פֿון וואַנען דער דאָזיקער שמעון איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פֿראַנצייזישער פּאָליציי אין 1942 און פֿאַרשיקט[7] מיט זײַן משפּחה.

עס האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ : איז דאָס דער דאָזיקער שמעון וואָס איך האָב געקענט אַלס קינד און אַלס יונגן־מאַן ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון די לאַגערן ?

ער איז דער איינציקער פֿון דער גאַנצער משפּחה וואָס איז געבליבן לעבן.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויפֿן טאָג פֿונעם רעפּאָרטאַזש.

ווען איך האָב געהערט די נעמען פֿון זײַנע ברידער און שוועסטער, בין איך געווען זיכער אַז דאָס איז ער. איך האָב נאָך אַלץ אַ בריוועלע וואָס דאָס שוועסטערל מאַריעט האָט מיר געשיקט פֿון מיִאָ אין 1941. איך בין מיט איר געזעסן זעקס יאָר אין איין קלאַס אין בריסל[8]. איך האָב אויך אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון 1938 אָדער 1939 וווּ איך בין מיט די ווײַנבוים־קינדער, און די זעלביקע פֿאָטאָגראַפֿיע האָט מען געוויזן אויף דער טעלעוויזיע.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געזען שמעונען איז געווען אויפֿן וואָקזאַל[9] אין בריסל ווען ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ישׂראל אין 1949.

איך האָב גלײַך אַוועקגעשריבן צום זשורנאַליסט און איך וואַרט אויף אַן ענטפֿער...
שׂרה

דער סוף פֿון דער מעשׂה : דער זשורנאַליסט האָט געשיקט דעם בריוו אין ישׂראל און שמעון ווײַנבוים האָט שוין אָנגעקלונגען שׂרהן. נאָך 50 יאָר צעשיידונג האָבן זיי געקענט זיך דורכשמועסן. איצט טראַכט שׂרה צו פֿאָרן אין ישׂראל און ווידער זען איר אַלטן חבֿר

1. «De quoi je me mêle ?» ARTE ; 2. traite de/deals with ; 3. DOREM sud/south ; 4. Millau ; 5. ...BALEBOS propriétaire d'usine/ factory owner ; 6. ShIMEN Simon ; 7. déporté/deported ; 8. Bruxelles/Brussels ; 9. gare/train station

**אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :**
**אליעזר, אַניק, ברוניד, גאָלדע, זשיל, יצחק, מרים, נאַטאַליאַ, רובי.**

AEDCY
DER YIDISHER TAMTAM
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

מעדעם־ביבליאָטעק
BIBLIOTHÈQUE MEDEM
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr